**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/26/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול מעלדט יערליכע יולי 4טע פייערווארקס ספעקטאקולאר סעט פאר דשאונס ביעטש**

**אויסשטעלונג לייכט אויף די הימעל איבער לאנג איילענד'ס פאפולערע וואסערפראנט דעסטינאציע**

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן די פייערווארקס אויסשטעלונג ביי דשנס ביעטש סטעיט פארק וועט נאכאמאל פארקומען אויף אינדיפענדענס טאג, יולי 4, אויפלייכטענדיג די הימעל ביי לאנג איילענד'ס פאפולערע וואסערפראנט פארק. די דשאוויא פינאנציעלע קרעדיט יוניאן פייערווארקס ספעקטאקולאר איז א 25 מינוט פייערונג אין קאלירן וואס וועלן פארבלענדן און ברענגן פארגעניגען פאר יעדער עלטער.

"צו פייערן אונזער פאלק'ס 248טע געבורטסטאג, אונזער סטעיט פארק'ס יארהונדערט, און די 95טע געבורטסטאג פון דשאונס ביעטש, אונז האפן אז איר וועט זיך באטייליגן מיט אונז צו מאכן אנדענקן אינטער די פייערווארקס אויף די פערדע פון יולי," **גאווערנער האקול האט געזאגט.** "אונזער פייערווארקס פארשטעלונג איבער דשאונס ביעטש איז א גרויסע זומער טראדיציע און איך מוטיג ניו יארקער צו גיין זעהן וואס די פארשטעלונג און אלע אונזער סטעיט פארקס האבן פארצושטעלן."

די קאליפולע קרעקערס, אויסגעשטעלט דורך גארדען סטעיט פייערווארקס, וועט פארקומען אויף דאנערשטאג, יולי 4, אנגעהויבן פון 9:30 באנאכט. די פייערווארקס פארשטעלונג וועט זיין באגלייט מיט סימולקאסט מוזיק פון WALK 97.5 FM און KJOY-98.3 FM. מען דארף נישט צאלן פאר די פייערווארקס פארשטעלונג. געווענליכע פארק אדמיסיע איז $10 פער וויקעל.

**ניו יארק סטעיט פארקס קאמיסיאנער פרא טעמפארע רענדי סיימאנס האט געזאגט,** "היי יאר איז גאר ספיציעל פאר אונז, 100 יאר אלץ א פארק סיסטעם. וואס קען זיין א בעסערע וועג פון פייערן אונזער יאר הונדערט און אינדיפענדענס טאג ווי מיט פייערווארקס אויפן ביעטש. אונז דאנקן דשאוויא פינאנציעלע קרעדיט יוניאן און אלע אונזער ספאנסערס פארן שטיצן די זומער טראדיציע אויף לאנג איילענד וואס ברענגט צוזאם אזויפיל פאמיליעס און פריינט ביי דשאונס ביעטש סטעט פארק."

די היי יעריגע פראגראם, מיט הויפט ספאנסערשיפ דורך דשאוויע פינאנציעלע קרעדיט יוניאן, איז אויך ערמעגליכט געווארן מיט שטיצע פון די נאטורליכע העריטעדש טראסט, פאונדעישען פאר לאנג איילענד סטעיט פארקס אינק., ניוסדעי, קאנאיסיער מידיע לאנג איילענד און J & B רעסטוראנט פארטנערס.

**דשאוויע פינאנציעלע קרעדיט יוניאן'ס הויפט מארקעטינג אפיציר רענו דאַלעסאַנדראָ האט געזאגט,** "ביי דשאוויע, זיין א טייל פון אונזער געמיינדע איז נישט נאר איבער וואוינען און ארבעטען דא אויף לאנג איילענד, עס איז איבער מאכן קאנטריבוציעס און פייערן איינהייט. עס איז אן עהרע צו זיין די טיטל ספאנסאר פאר די דשאוויע פינאנציעלע קרעדיט יוניאן פייערווארקס ספעקטאקולאר ביי דאונס ביעטש

פאר די פערדע יאר אין א ציה, וואס איז די אלטימאט סימבאל פון נאציאנאלע שטאלץ און פאטריאטישקייט. עס איז אונזער וועג פון אויפשיינען די הימלען און הערצער פון יעדער וואס באטייליגט זיך, און אונז שעצן די געלעגענהייט צו זיין א טייל פון דעם היסטארישע טאג און יערליכע טראדיציע."

**קאנאיסיער מידיע COO דעוויד בעווינס האט געזאגט,** "עס איז נישט דא קיין בעסערע וועג צו פאברענגן אויף אונזער פאלק'ס געבורטסטאג ווי ביי די שאוויע פינאנציעלע קרעדיט יוניאן פייערווארקס ספעקטאקולאר ביי דאנס ביעטש. אונז ווייסן די פארשטעלונג וועט אויפלייכטען די הימעל און הערצער פון פון יעדער וואס זעהט עס. אונז האפן אז די סימולקאסט פון די שאו'ס סאונדטרעק אויף WALK 97.5 און KJOY 98.3 וועט אנהאלטן צו דינען אלץ א טראדיציע צו ברענגן צוזאמען פאמיליעס, פריינט און שכנים אין א געמיינזאמע ערפארונג פון פרייד און פייערונג. עס איז אן עהרע צו זיין א טייל דערפון."

די ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונג און היסטאריע אפהיטונג איז פאראנטווארטליך איבער מער פון 250 פארקס, היסטארישע פלעצער, פארוויילונג טרעילס, גאָלף קורסעס, שיפלעך פארטן און מער, וואס האבן געזעהן דורך א רעקארד-הויכע צאל פון 84 מיליאן באזוכן אין 2023. פאר מער אינפארמאציע איבער סיי וועלכע פון די פארוויילונג ערטער, באזוכט [www.parks.ny.gov](http://www.parks.ny.gov), דאַונלאָודט די אומזיסטע [NY State Parks Explorer עפּ](#) אדער רופט 518.474.0456: שליסט זיך אן מיט אונז בײם פייערן אונזער הונדערטסטע יארטאג דורכאויס 2024, און פארבינדט זיך מיט אונז אויף [Facebook](#), [Instagram](#), [X](#) (וואס פלעגט הייסן Twitter) און אויף די [OPRHP 'בלאַג](#).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: [ny.gov/signup](http://ny.gov/signup) | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

[זיך ארויסשרייבן](#)